גליון
# באור החיים
פרשת בלק - תשפ"ה לפ"ק | גליון תתל"ט

הגליון בשבוע זו נתנדב על ידי
הרב יואל הלל וויינבערגער שליט"א
לרגל שמחת אירוסי בתו למזל טוב ובשעה טובה ומצלחת
ובזכות זה יתברך הנדבן החשוב בכל מילי דמיטב, וימלא הקב"ה כל משאלות לבו לטובה אמן סלה

## באור פני מלך
פניני עבודה על פרשת השבוע

המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ח ר' אלי' שפיטצער הי"ו (טאהש)
לע"נ אביו הרה"ח ר' מאיר משה בן ר' אליהו ע"ה - יארצייט כ"א תמוז
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

### הכלי זיין של בני ישראל הוא כח התפלה

**וירא בלק בן ציפור את כל אשר עשה ישראל לאמורי.**

"לאמורי" הוא מלשון אמירה, פי' שראה כי כל מה שבני ישראל פועלים, הוא על ידי כח הדיבור שלהם, וכן נאמר בפרשה דלעיל, שבני ישראל שלחו אל מלך אדום לאמור, "ונצעק אל ה' וישמע קולנו", ופרש"י הק' בברכה שברכנו אבינו הקול קול יעקב, שאנו צועקים ונענים.

ואף בלעם ראה שכוחן של ישראל בזה, ואמר "מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל", ודרשו חז"ל (סנהדרין קה.) אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות, כי ראה שמה שהם מתאספים בבתי כנסיות ובתי מדרשות להתפלל לפניו יתברך, זהו כוחן וכלי זיין נגדו.

לכן עלינו ליקח מוסר מזה לחגור את כלי זיין שלנו, להתדבק בכח התפלה, ותמיד יהא לעינינו יסוד זה כי אין כוחינו אלא בפינו, שאין לנו כי אם כח התפלה, שעל ידה אפשר להוושע בכל מיני ישועות, וצריך האדם להשים לבו ונפשו אל כח התפלה, להוציא אותיות התפלה בכח גדול, בקול רם ובפה מלא, כמו שאמר הכתוב הקול קול יעקב, דצריך להגביה הקול בעת התפלה.

(עבו"ע פתג"ק בלק)

### העצה לינצל מעצת היצר הוא לקרוא קריאת שמע בכוונה

**הן עם כלביא יקום וכארי יתנשא, לא ישכב עד יאכל טרף ודם חללים ישתה.**

פירש"י הק', לא ישכב בלילה על מטתו, עד שהוא אוכל ומחבל כל מזיק הבא לטרפו, כיצד, קורא קריאת שמע על מטתו ומפקיד רוחו ביד המקום, בא מחנה וגיים להזיקם, הקב"ה שומרם ונלחם מלחמתם ומפילם חללים.

הרי לנו, כי בזה שהאדם קורא קריאת שמע, ומפקיד רוחו ביד ה', זוכה להינצל מן הגייסות, היינו מן הנסיונות שעוברים עליו, וזהו העצה האחת לעמוד בכל הנסיונות העוברים עלינו בעומק הגלות, על ידי שנשים לב לקיים מצות קריאת שמע כדבעי', דכאשר האדם מוסר את עצמו ביד ה' בשעה שקורא קרי"ש, ומקבל על עצמו אמונת ה' להאמין שכל דבר קטן וגדול מתנהג בהשגחה פרטית, והקב"ה אתו עמו בכל עת, אין צער הגלות שולט עליו כל כך.

אבל כדי שיזכה האדם לקיים מצות קריאת שמע כדבעי', צריך להתכונן אליה מקודם, להשכים באשמורת לעסוק בתורה לפני התפלה, ולהתחיל סדר התפלה מאדון עולם, ולהתבונן בשבחו של הקב"ה הנאמרים בפסוקי דזמרה, ולכוין היטב בברכת יוצר אור ואהבה רבה, ואז כאשר יגיע לפסוק שמע ישראל יוכל לקבל עליו עול מלכות שמים שלימה בלב אמת, ועי"ז ינצל מעצת היצר.

(עבו"ע פתג"ק ויגש)

### התקשרות להשי"ת משפיע שפע למעלה מן המזל

**יזל מים מדליו.**

כאשר האדם זוכה להמשיך על עצמו את אור השראת השכינה ואור אלופו של עולם, נמשך עליו שפע רב בלי מניעה ועיכוב, כלשון שאומרים בתפלת יהא רעוא בליל שב"ק, "ויזמין ויתיהב לנו מזונא ופרנסתא טבתא בלי צרה ועקתא, ממזלא

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו
של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכ"י

**צרופה אמרתך מאוד, כדי מקבל צו זיין די תורת ה', דארף מען זיין אויסגעלייטערט.**

(שיח"ק ח"א רכ"ט)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באדיש

המדור הזה נתנדב ע"י הרב **יצחק אייזיק מערמעלשטיין** שליט"א (ק"י)
לרגל שמחת אירוסי בנו החתן מנחם ירחמיאל יואל ני"ו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## דאס לערנען און דאווענען דארף גיין מיט א קביעות

**מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל.**

דארף מען פארשטיין די דאפעלטע לשון אהליך, משכנותיך, און חז"ל דרש'נען מה טובו אהליך יעקב, אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות, משכנותיך שתשרה שכינה על בני ישראל.

מ'קען זאגן די כוונה אין דעם, לויט ווי עס איז ידוע אז די עיקר יסוד פון תורה ותפלה איז די קביעות אין דעם, ווייל ווען א איד קומט אריין אין ביהמ"ד צום לערנען און דאווענען, דארף ער קומען בדרך קבע, און ער דארף זיך צוגרייטן פאר ער קומט אין ביהמ"ד אזוי ווי איינער גרייט זיך צו צו טוהן א דבר קבוע, ד.מ. קומען בזמן קבוע און שטיין אויף א מקום קבוע, אזוי ווי חז"ל זאגן (ברכות ו' ע"ב) כל הקובע מקום לתפילתו אלקי אברהם בעזרו, און אזוי אויך ביי לימוד התורה שטייט קבעת עיתים לתורה, ווייל מען דארף עוסק זיין אין דעם בדרך קבע מיט א סדר קבוע און א מקום קבוע יום אחר יום, און נישט ער זאל קומען אין ביהמ"ד בדרך ארעי, אן קיין שום הכנה און אן קיין זמן קבוע און מקום קבוע, נאר ער דרייט זיך ארום אהער און אהין נכנס ויוצא, און בשעת'ן קומען אין ביהמ"ד יאגט ער זיך שוין ארויס פון דארט, נאר דווקא מיט א קביעות, און דורך דעם איז ער זוכה צו זיך מקשר זיין מיט די תורה ועבודה און צו ברעכן די כוח היצר.

און לויט דעם קען מען מפרש זיין די פסוק, מה טובו אהליך יעקב, אזוי ווי חז"ל דרש'נען אלו בתי כנסיות ובתי מדרשות, און אויף דעם זאגט די פסוק "משכנותיך ישראל", אזוי ווי רש"י הק' איז מפרש, "חניותך", דאס מיינט אז דאס קומען אין ביהמ"ד דארף זיין בדרך "חנייה", ער זאל רוען דארט אין ביהמ"ד און זיצן דארט בדרך קבע, און דאס איז די עיקר שבח וואס בלעם הרשע האט געזען אין די אידישע קינדער, וואס דורך דעם האט ער פארשטאנען אז ער וועט נישט האבן קיין שליטה אין זיי, און דעמאלטס וועט זיין "משכנותיך ישראל", אז די שכינה וועט רוען צווישן אידן, אזוי ווי חז"ל דרש'נען, ווייל ווען אידישע קינדער קומען אין ביהמ"ד און זענען עוסק אין תורה און תפלה בדרך קבע, רועט די שכינה צווישן זיי.

(עבו"ע פתגמ"ק פרשת ???)

## מען דארף זיין א מעביר על מדותיו און זיך פירן מיט שלום

און היות אז אין די וואך (שב"ק פנחס הבעל"ט) געפאלט די יארצייט פון הייליגן ר' משה קורדוברו זי"ע, וואס האט מחבר געווען א ספר מיוחד אויף די ענין פון התדבקות במדותיו יתברך, און זיין א מעביר על מדותיו, זאלט עטץ דאס מקבל זיין באמת, צו זיין א מעביר על מדותיו מיט אלע פירושים, סיי צו מוחל זיין על עלבונו, און סיי צו איבערדרייען די טבעי הגוף פארן אייבערשטן, און דורך דעם וועט רוען ביי ענק שטענדיג שלום וריעות, און אין דעם כח וועט עטץ זוכה זיין צו אלע מיני ברכות און ישועות, ווייל מדת השלום איז די מקור פון אלע ברכות, ווייל שלום איז די נאמען פונעם אייבערשטן, און די גאנצע תורה איז נכלל אין מדת השלום, דעריבער האט דער אייבערשטער געבענטשט פנחס בברית שלום, אזוי ווי מען האט היינט געליינט ביי מנחה, הנני נותן לו את בריתי שלום, ווייל דער ברכה איז כולל אלע ברכות.

(עבו"ע שיח"ק ח"ב - מוצשב"ק בלק)

דכל מזוני ביה תליא", לא נאמר "במזל", כי אין מזל לישראל, אלא "ממזלא" היינו ממזל אל"ף, דהיינו מאלופו של עולם, שהוא למעלה מן המזל, ועל דרך שפירש המגיד הק' ממעזריטש זי"ע, אין מזל לישראל כי מדת האין, הוא מזל של ישראל, שבני ישראל נשפעים מבחינת אין העליון, שהוא למעלה מן המזל, וכאשר האדם דבוק אל אין העליון, דהיינו אל אור אלופו של עולם, נשפע לו שפע מן המקום ההוא, ואז לא חסר לו כלום.

וזה פירוש הכתוב "יזל מים מדליו", יזל הוא מלשון מזל, והמזל מקבל מדליו, היינו מבחינת אין העליון, שהוא דליו של המזל ולמעלה ממנו, כי שם מקור השפע ומשם נשפעו לבני ישראל כל השפעות טובות, בני חיי ומזוני רויחא, אכי"ר.

(עבו"ע פתג"ק תצוה)

# א ווארט צום שבת טיש

געקליבענע תורות און מעשיות נאכצהאגן ביים שבת טיש

המדור הזה נתנדב ע"י הרה"ג ר' **אלתר משה כהנא** שליט"א (קרית יואל)
ר"מ בישיבה"ק תפארת משולם פייש ניו יארק- לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

## א תורה אויף די פרשה

### וירא בלק בן צפור את כל אשר עשה ישראל לאמורי.

בלק איז געווען זייער קלוג און ער האט פארשטאנען די גרויסקייט פון די אידן, דאס זאגט די פסוק, וירא בלק, בלק האט פארשטאנען "לאמורי" ווי הייליג די אידן האבן מקדש געווען זייער מויל, מיט זייערע תפילות.

(מגן אברהם)

### ויחר אף אלהים כי הולך הוא.

לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס דער אייבערשטער איז געווארן אין כעס, דער באשעפער האט דאך אים געהייסן ער זאל גיין? נאר די גמרא זאגט אין מסכת ברכות אז אין יענע טעג האט זיך השי"ת נישט געערגעט, כדי בלעם זאל נישט קענען אויסרעכענען צו כאפן יענע מינוט, צו שעלטן די אידן. אבער אזוי ווי בלעם איז געווען פארנומען מיט'ן גיין, האט דער אייבערשטער יא צוריק אנגעהויבן און זיך געערגעט איין רגע יענע צופרי.

דאס קען זיין פשט אין פסוק ויחר אף ה', ווייל, כי הולך הוא, בלעם גייט יעצט און איז פארנומען ממילא מוז דער אייבערשטער שעלטן.

(נחל קדמונים)

### כי הכיתני זה שלש רגלים.

עס קען זיין א טעם פארוואס די תורה זאגט דא די לשון פון שלש רגלים, ווייל דער אייבערשטער האט געוואלט זאגן פאר בלעם, קוק אן ווי נידריג דו ביזט, אידן זענען זוכה דריי מאל אין יאר צו זעהן דעם אייבערשטן זעלבסט, און דו קענסט אפילו נישט זוכה זיין צו זעהן אפי' איין מאל א מלאך.

(משך חכמה)

### הן עם כלביא יקום וכארי יתנשא.

עס ווערט געברענגט  שיינע רמז דא אין פסוק, א "לביא" איז שוואכער פון א לייב, דאס איז דער פסוק מרמז, הן עם "כלביא" יקום, ווען א איד נעמט זיך עוסק זיין אין עבודת השם, אפילו ס'איז נאך שוואך אין די בחינה פון א לעמפערט, העלפט השי"ת, אז "וכארי יתנשא" זיי ווערן דערהויבן אזוי ווי א לייב, און וועט קענען דינען דעם אייבערשטן מיט א שטארקייט.

(הרה"ק המגיד ממעזריטש זצ"ל)

## א מעשה אויף די פרשה

### אם יתן לי בלק מלא ביתו כסף וזהב.

עס ווערט דערציילט אז אמאל איז געקומען א מגיד רעדן א דרשה אין א שטאט, און נאך די דרשה האט ער זיך אוועקגעשטעלט ביים טיר נאך געלט וואס דאס איז באמת געווען זיין עיקר ציל פארוואס ער איז געקומען, ווען ער האט געזעהן אז קיינער געבט אים נישט קיין געלט, האט ער אנגעהויבן צו שרייען און שעלטן זאגענדיג, "עטץ זענטס נאך ערגער פון בלעם", ווען די ראש הקהל האט דאס צוגעזעהן, האט ער זיך אנגערופן, "ביי בלעם זעהט מען אז ער האט געבעטן געלט פאר קללות, אבער געבענטשט האט ער שפעטער אומזיסט, איר זענט פונקט פארקערט, קודם בעט איר געלט פאר ברכות, אבער נאכדעם שעלט איר אומזיסט"..

*

### תמות נפשי מות ישרים.

צו הרה"ק מבאבוב זי"ע איז אמאל אריינגעקומען איינע פון זיינע חסידים זאגענדיג, מיט גרויס שמחה אז ער איז געווען ביים ציון פונעם הייליגן ר"ר אלימלך פון ליזענסק זי"ע, וועלכער האט צוגעזאגט אז ווער עס וועט זיין ביי זיין ציון וועט נישט שטארבן אן תשובה. ווען דער באבוב'ער רב האט דאס געהערט, האט ער נישט הנאה געהאט, זאגענדיג, אז דאס איז געווען דער דרך פון בלעם, בלעם האט געוואלט לעבן ווי בלעם הרשע, אבער ער האט אויך געוואלט דערנאך שטארבן ווי א איד, אבער עס קען נישט גיין אזוי, "כדי זוכה צו זיין צו שטארבן ווי א איד, דארף מען לעבן ווי א איד! דער וואס פירט זיך לויט ווי עס שטייט אין צעטל קטן פון ר"ר אלימלך זצ"ל, דער 'לעבט' מיט תשובה"...

*

### מה טובו אוהליך יעקב משכנותיך ישראל.

דער גאון ר' עזריאל הילדעסהיימער ז"ל, דער הויפט רב פון די שטאט בערלין, האט אנגעפירט גאר א שווערע מלחמה מיט די רעפארמער, וועלכע האבן זיך צעשפרייט מער און מער צווישן די איינוואוינער פון שטאט, און האט מיט פארשידענע וויכוחים געוואלט אויפווייזן פאר זיי אז זייער וועג איז נישט די ריכטיגע וועג.

ביי איינע פון די סארט וויכוחים, האט מען דארט געפרעגט דעם רב פארוואס ביי די אידן זענען אלע בתי מדרשים פארלאזט און שמוציג, און ביי אונז רעפארמער זענען די "טעמפלען" אויף דעם העכסטן סטאנדארד פון זויבערקייט. האט אים דער גאון געענטפערט, "די וועלט פירט זיך אז די קליידער מיט וועלכע מ'גייט אנגעטוהן שבת און יום טוב, זענען שענער און בעסער ווי די קליידער מיט וועלכע מ'גייט אנגעטוהן אינדערוואכן, ווען דעם גייען מיר אין בית המדרש אריין יעדן טאג, איז עס ווי א וואכעדיגע קלייד, איר גייט אין בית המדרש נאר יום טוב, איז עס ווי א יום-טוב'דיג קלייד וואס איז געווענדליך שענער".

*

### מה טובו אוהליך יעקב משכנותיך ישראל.

ווען דער הייליגער כתב סופר זי"ע איז געווארן רב אין די שטאט קראקא האט ער באמערקט ווי אין די שטאט זענען דא אסאך בתי מדרשים, און איין בית המדרש מיט די אנדערע זענען געווען קריגערייען, האט ער צוזאמגענומען די גאנצע שטאט און זיי געהאלטן א דרשה זאגענדיג:

"די גמרא זאגט, אז אלע ברכות וואס בלעם האט געבענטשט די אידן זענען שפעטער געווארן קללות, אויסער די ברכה פון מה טובו אהליך יעקב איז נישט געווארן קיין קללה, דארף מען פארשטיין, וואס איז דער חילוק צווישן די ברכה און אלע אנדערע. נאר וואס דען דער טעם פארוואס אלע זיינע ברכות זענען געווארן קללות איז, וויבאלד ער האט נישט געבענטשט מיט'ן גאנצן הארץ, ווייל ער האט דאך געוואלט שעלטן די אידן, ווען דעם איז עס געווארן קללות. אבער ביי די ברכה פון מה טובו, האט ער געמיינט ערנסט, אז ס'זאל זיך פארמערן אסאך בתי מדרשים צווישן די אידן, טראכטענדיג, אז אזוי וועט זיין מחלוקת צווישן כלל ישראל. ווען דעם איז די ברכה יא מקוים געווארן, ווייל דאס האט ער געזאגט מיטן גאנצן הארץ". ודפח"ח.

המדור הזה נתנדב ע"י הרב **נפתלי אלימלך ווייס** שליט"א (וומסב"ג)
לרגל שמחת הולדת נכדו אצל חתנו מו"ה יואל בלום הי"ו למזל טוב
ובזכות זה יברכהו השי"ת שיזכה לרוות רב תענוג ונחת מכל יוצ"ח לאורך ימים ושנים טובים אמן

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

## הלכות זומער

### בדיקת תולעים (ב)

**ו**

**שאלה: וועלכע פרוכט און גרינצייג איז מען מחויב בודק צו זיין פון ווערים, און וועלכע איז מען נישט מחויב בודק צו זיין?**

**תשובה:** עס זענען דא אין דעם דריי קאטאגאריעס, 1. מצוי, 2. מיעוט המצוי, 3. אינו מצוי, ווי פאלגענד:

### 1. מצוי

מאכלים וואס עס טרעפט זיך אין זיי אפט ווערים, ווי למשל לעטוס, קרויט, א.ד.ג., טאר מען נישט עסן מן התורה, נאר נאכדעם וואס מען האט בודק געווען. אלעס וואס מען וויל עסן, און עס איז נישט גענוג ווען מען איז בודק רוב דערפון (רמ"א יו"ד סימן פ"ד ס"ח).

### 2. מיעוט המצוי

מאכלים וואס מען טרעפט דערין אמאל אמאל ווערים, ווי למשל רייז, בונדלעך, ניסלעך, א.ד.ג., איז מען אויך מחויב בודק צו זיין מדרבנן, אלעס וואס מען וויל עסן.

### 3. אינו מצוי

א זעלכע פרוכט וואס עס טרעפט זיך נישט אין זיי ווערים, ווי למשל עפל, בארן, באנאנע, א.ד.ג., דארף מען בכלל נישט בודק זיין, פונדעסוועגן שרייבן די פוסקים אז עס איז א מצוה צו באטראכטן פארן עסן יעדע מאכל צי עס איז טאקע אינגאנצן ריין פון ווערים, איבערהויפט אין די טעג פון זומער, וואס עס זענען דא מער ווערים, און אויך קען זיך טרעפן קליינע פליגן וואס פאלן אריין אין די עסן (מעשה רב אות צ"ד).

אויסער ווען מען זעט עפעס א ריעותא, למשל עס איז אביסל פארפוילט, עס האט פלעקלעך, אדער פינטלעך, אדער עס האט א לאך וכדו', דעמאלטס איז מען מחויב דאס בודק צו זיין, אזוי אויך ווען א פרוכט איז איבערגעצייטיגט און שטארק ווייך.

**ז**

**שאלה: אויב מען טרעפט א ווארים אדער מער אין א מאכל, דארף מען אוועק ווארפן די גאנצע מאכל, אדער איז גענוג אז מען נעמט ארויס די ווערים?**

**תשובה:** אויב מ'טרעפט א ווארים אדער אפילו צוויי, אין א מאכל וואס איז געווענדליך ריין פון ווערים, דארף מען אוועקווארפן די ווערים, און די איבעריגע קען מען עסן, אבער אויב מען טרעפט דערין 3 ווערים, טאר מען דאס נישט עסן נאר ווען מען איז דאס נאכאמאל בודק.

און אויב מ'טרעפט א ווארים אין א פרי אדער גרינצייג דארף מען אראפנעמען דעם ווארים און עס גוט אפשווענקען, און די איבעריגע וואס איז ריין קען מען עסן.

**ח**

**שאלה: איז יעדער מענטש ראוי בודק צו זיין די ווערים?**

### מענער - פרויען

**תשובה:** יעדער מאן אדער פרוי וואס איז א שומר תורה ומצות און האט יראת שמים, קען בודק זיין, און מען קען זיך פארלאזן אויף זייער בדיקה (טו"ז יו"ד סימן פ"ד ס"ק י"ד, ערוה"ש סעיף פ"ב).

### קטן - קטנה

קינדער וואס זענען נאך נישט מחויב בחינוך, דאס מיינט זיי זענען אונטער 6-7 יאר, קענען בכלל נישט בודק זיין (עפ"י שו"ע סימן תל"ז ס"ד, ובמ"ב ס"ק י"ט).

און קינדער וואס זענען שוין מחויב בחינוך, ווענדט זיך: אזעלכע מאכלים וואס זענען אפט ווערמיג, ווי קרויט, לעטוס, א.ד.ג. קענען זיי נישט בודק זיין (מ"ב שם), נאר ווען ער ווערט א גדול און ער האט סימני גדלות (עיין פרמ"ג או"ח סימן תנ"א משב"ז ס"ק ו').

אבער אזעלכע מאכלים וואס זענען נישט אפט ווערעמיג, עס קען זיך מאכן אמאל אמאל אז זיי זענען ווערמיג, מעגן זיי להלכה בודק זיין (מ"ב סי' תל"ז ס"ק ט"ז).

אבער די פוסקים שרייבן אז לכתחלה זאל מען זיך נישט פארלאזן אויף א קטן אפילו ער איז הגיע לחינוך (מ"ב תל"ב ס"ק ח', וסי' תל"ז ס"ק י"ח, דרכי תשובה ס"ק קנ"ב).

### נישט קיין שומר תורה ומצות - גוי

א איד וואס איז נישט קיין שומר תורה ומצות, אדער א גוי, איז נישט באגלייבט בודק צו זיין ווערים, אפילו מען לערנט אים אויס וויאזוי בודק צו זיין (רמ"א יו"ד סימן ס"ט ס"ו ש"ך מ"ב, וסי' צ"ח ס"א, יו"ד קי"ט ס"ז ש"ך י"ח).

**ט**

**שאלה: וואס דארף דער בודק צו וויסן בשעת ער איז בודק?**

**תשובה:** יעדע זאך וואס דארף האבן א בדיקה, דארף דאס איבערגעקוקט ווערן ביי איינעם וואס איז באקאנט אין די אויסזען פון די ווערעם, און אויך זיין באקאנט אין די פלעצער ווי די ווערים קענען זיך געפונען, למשל ביי די שפאלטן, קנייטשן, אין די פלייש פון די פרוכט - גרינצייג, עס זענען דא ווערים וואס געפונען זיך אין היילן [טונעלן - ליעף מיינער], למשל אין די סעלערי

א.ד.ג., עס איז נישט גענוג אז מען ווייסט די הארבקייט פון עסן ווערים, און אז מען קען די הלכות פון תולעים.

**באמערקונג**

מען דארף צו וויסן אז עס זענען דא אן א שיעור מינים פון קריכעדיגע שרצים וואס געפונען זיך אין פרוכט, גרינצייג, ווי ווערים, טריפס, עיפידס, מייטס [מילבין], קעטערפילער, מעגאטס, לאווא, פרוט פליי, א.א.וו., די אלע שרצים זענען זייער קליין, און עס איז שווער זיי צו באמערקן, און טייל פון זיי האבן די קאליר פון די פרוכט, וואס דאס מאכט נאך שווערער דאס צו באמערקן.

און איינער וואס קען זיך בכלל נישט אויס אין די אויסזעה פון די ווערים, קען נישט וויסן וואס ער דארף דא טרעפן.

און אזוי ווי מען קען דאס נישט מסביר זיין שריפטליך, דעריבער זאל מען זיך גוט אינטערעסירן, אויף אלע איינצלהייטן פון די וואס זענען באקאנט דערין.

## שאלה: וואס דארף דער בודק אלץ אכטונג געבן בשעת די בדיקה?

**תשובה:** מיר וועלן אויסרעכענען עטליכע זאכן וואס איז שייך צום בודק בשעת די בדיקה, ווי פאלגענד:

### 1. געלאסן

מען טאר נישט בודק זיין מאכלים וואס מען דארף בודק זיין פון ווערים, בשעת מען איילט זיך, אדער בשעת מען איז מיד, ווייל די בדיקה דארף צו זיין מיט א רואיגקייט, און מיט א גרויסע ישוב הדעת.

**באמערקונג**

דעריבער זאל מען נישט בודק זיין אסאך פרוכט און גרינצייג וואס דארפן א בדיקה, ממש פארן עסן, אדער ערב שבת נאנט צום זמן, אדער בודק זיין די לעטוס פאר מרור ערב פסח, ווען די טירדות החג זענען זייער גרויס, א.ד.ג.

### 2. ליכטיג

דאס בעסטע איז בודק צו זיין ביי די ליכטיגקייט פונעם טאג, אבער נישט קעגן די זין שטראלן וואס שיינט צו שטארק, און דאס שטערט דאס זען, אויך זאל מען נישט בודק זיין בשעת עס איז פארוואלקנט.

אויך קען מען בודק זיין קעגן אן עלעקטער וואס שיינט גוט, עס זענען דא וואס האבן א ספעציעלע בדיקת תולעים באקס, מיט א לעקטער פון אונטן, און מען לייגט דערויף דעם מאכל, און דאס איז א גרויסע מעלה.

### 3. די ראיה

דער ווער עס איז בודק דארף קענען גוט זען, דעריבער איינער וואס טראגט ברילן, זאל בודק זיין מיט די ברילן, אבער אויב די גלעזער זענען כדי מען זאל קענען זען אויף די ווייטנס, און ווען מען דארף



ליינען קליינע אותיות דארף מען דאס אויסטון, זאל מען בודק זיין אן די ברילן (עיין חתם סופר או"ח סימן קל"ב)...

און אויב ביים ליינען דארף מען נוצן גלעזער וואס מאכן גרעסער, זאל מען בודק זיין מיט די גלעזער.

## פארגרעסערונג גלאז

עס איז נישטא קיין חיוב בודק צו זיין מיט א פארגרעסערונג גלאז, אבער עס איז א גרויסע מעלה בודק צו זיין מיט דעם, איבערהויפט ווען מען זעט עפעס און מען קען נישט פעסטשטעלן אז דאס איז ווערים.

**באמערקונג**

עס זענען דא מענטשן וואס א פארגרעסערונג גלאז שטערט זיי צו זען קלאר, אדרבה עס פארנעפלט זיי דאס זען, אזוי אויך זענען דא פארשידענע פארגרעסערונג גלאזן וואס מען קען נישט זען דערמיט קלאר, ביי די פעלער זאל מען דאס בכלל נישט נוצן.

## יא

## שאלה: וואס זענען די עצות צו פארמיידן אז די ווערים זאלן זיך נישט ארייננכאפן אין פראדוקטן, ווי מעל, ספייסעס, בונדלעך, ניסלעך א.ד.ג.

**תשובה:** עס זענען דא עטליכע עצות, וואס זיי קענען העלפן אז די ווערים זאלן זיך נישט ארייננכאפן אין די פראדוקטן, ווי פאלגנד:

## 1. האלטן אין א קילע פלאץ

די בעסטע עצה איז, אז יעדע מאכל וואס מען האלט אין שטוב א לענגערע צייט, און עס קען ווערן ווערעמיג אדער מילביג, ווי למשל: בונדלעך, גריז, מעל, ספייסעס - פעפער, רויטע פאפריקא א.ד.ג., אז מען זאל אכטונג געבן צו האלטן די פראדוקטן אין א קילע פלאץ, ווי אין פרידזשידער, אדער פריזער א.ד.ג., ווייל דאס ליגן אין א ווארעם פלאץ, איז א שטארקער גורם עס זאל ווערן ווערעמיג.

**באמערקונג**

מען דארף אכטונג געבן, אז ווען מען האלט אין פרידזשידער אדער אין פריזער, איינע פון די דערמאנטע זאכן, ווי מעל, ספייסעס, אז מען זאל דאס נישט לאזן אינדרויסן א לאנגע צייט אויף א ווארעם פלאץ, און דערנאך צוריק לייגן, ווייל דעמאלטס קען עס לייכט ווערעמיג אדער מילביג ווערן.

## 2. האלטן אין א ריין פלאץ

אויך איז וויכטיג אז ווען מען לייגט איבער די פראדוקטן אין א אייגענע קאונטעינער, א.ד.ג., אז מען זאל עס ארייןלייגן און א ריינע טריקענע קאונטעינער, ווייל א קאונטעינער וואס איז געניצט, אדער פייכט, קען גורם זיין ווערים.

**באמערקונג**

עס איז וויכטיג מעורר צו זיין, אז ווען מען האלט מעל, בונדלעך, רייז, ניסלעך א.ד.ג. אין א קאונטעינער, אז איידער מען לייגט אריין פרישע סחורה, זאל מען אויסליידיגן דעם קאונטעינער און דאס אויסרייניגן און אויסטריקענען, און הערשט דערנאך זאל מען ארייןלייגן די פרישע סחורה, און נישט מען זאל ארויף לייגן די פרישע אויף די אלטע, ווייל די אונטערשטע קען שוין זיין מילביג, און דאס צושפרייט זיך אין די גאנצע.

**המשך יבוא אי"ה**



## פרשת בלק

דער הייליגער עטרת צבי זי"ע (יומדה"ק ביום ב' העעל"ט) פלעגט זיך פירן צו זאגן ביי סעודת שלישית זייער א לאנגע תורה, אבער ווען עס איז געקומען שבת פרשת בלק האט נישט געזאגט קיין תורה א גאנצע שבת.

די הייליגע בני שלשים פון קאסאן זי"ע (ועוד צדיקים) איז מסביר די טעם דערפון, אז אזוויו מען זעהט אין נועם אלימלך אז פרשת ויקהל איז נישט דא קיין דברי תורה, ווייל דער הייליגער רבי ר' אלימלך מ'ליזענסק זי"ע איז נפטר געווארן כ"א אדר וואס רוב שנים פשוטות קומט דאס אויס פרשת ויקהל, די זעלבע זאך איז געווען בים עטרת צבי זי"ע, אז ער איז נפטר געווארן י"א תמוז, וואס דאס קומט אייביג אויס פרשת בלק, צוליב דעם פלעגט ער שבת פרשת בלק נישט זאגן קיין דברי תורה.

עס ווערט געברענגט נאך פארשידענע טעמים וואס צדיקים האבן געזאגט פארוואס ר' הערש'עלע פלעגט נישט זאגן קיין תורה פרשת בלק, און ער אליינס האט אויך געזאגט פארשידענע טעמים.

צום ביישפיל האט דער עטרת צבי זיך אמאל אויסגעדרוקט, "ווי קען איך עפענען מיין מויל אין די זעלבע וואך וואס די רשע האט געעפענט זיין מויל".

נאך א טעם האט ער געזאגט, ווייל אלע זיינע חידושים שטייט שוין אין זוהר הקדוש אין די פרשה בשם די ינוקא, און צדיקים פלעגן זאגן, - און ער אליינס האט דאס מעיד געווען אויף זיך - אז ער האט געהאט די נשמה פון די ינוקא וואס ווערט דא געברענגט אין זוהר הקדוש.

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

נאך א טעם ווערט געברענגט, אז מען קען זאגן, לויט די מעשה וואס איז געווען ביים הייליג'ן אר"י הקדוש אז ער פלעגט זיך פירן יעדע שבת נאכמיטאג זיך אראפצולייגן שלאפן פאר צוויי דריי שעה, און עס איז געווען אמאל שבת פרשת בלק, אז זיין תלמיד ר' אברהם הלוי איז אריינגעקומען אין צימער, ווען די אר"י הקדוש האט געהאלטן אינמיטן שלאפן, און ער האט באמערקט ווי די הייליגע אר"י הקדוש שאקלט זיין ליפן, און זאגט ווערטער.

ווען די אר"י הקדוש האט זיך אויפגעוועקט, האט ער אים געפרעגט וואס ער האט געשעפשעט אינמיטן זיין שלאף, האט אים די אר"י הקדוש געענטפערט אז ער איז יעצט געווען אויבן בישיבה של מעלה, און מען האט דארט עוסק געווען אין די מעשה פון בלק און בלעם, האט אים זיין תלמיד ר' אברהם געבעטן צו ער קען אים אפשר אביסל איבער דערציילן פון די סודות התורה וואס ער האט מקבל געווען אויבן אין הימל, האט די אר"י הק' געענטפערט אז אפילו איך גיי יעצט דרש'נען פאר אכציג יאר אין א צי בייטאג און ביינאכט בלי הפסק, וועל איך אויך נישט קענען איבערגעבן אלעס וואס איך האב יעצט מקבל געווען דארט.

דאס איז טאקע איינע פון די סיבות וואס ווערט געברענגט פארוואס דער עטרת צבי זי"ע האט נישט געוואלט זאגן קיין דברי תורה אין שבת פרשת בלק, ווייל די הייליגע אר"י הקדוש האט געזאגט אז מען קען נישט ארויסזאגן מיט די מויל די אלע סודות וואס זענען מרומז אין פרשת בלק, אויך פלעגט הרה"ק ר' אייזיק'ל זידיטשויב'ער זיך פירן נישט צו זאגן קיין סאך דברי תורה אין די פרשה, היות זיין פעטער ר' הערש'עלע האט נישט געזאגט קיין תורה, און ר' אייזיק'ל האט אויך נאכגעזאגט בשם זיין פעטער ר' הערש'עלע, אז אין די פרשה ווערט ארומגערעדט זאכן וואס עס גייט זיין באחרית הימים און ר' הערשעלע האט מורא געהאט אז ער גייט רעדן פון די קץ הגלות.



כִּי הִנֵּה הַיּוֹם בָּא




# לאָמיר זיך אונטערגאַרטלען!

- לאָמיר מאכן א נחת רוח פאר רבינו הקדוש בגנזי מרומים!
- לאָמיר אַלע זיין אַ טייל!
- לאָמיר אַלע אויספירן די געהויבענע עבודו

*ביסטו שוין אַ טייל?*

## גיבט יעצט איבער די מספר וויפיל 'טשעקס' דו האסט שוין, פאר דיינע גבאים.

*ביסטו נישט אַ טייל?*

# אֵיכָה?!



### וויאַזוי גייסטו צוגיין צום גרויסן טאָג?!

*בחורי אנ"ש מתכוננים:*

**4** גערהויבענע עבודות
**10** גערהויבענע וואָכן
הכנה צום **10**'טע יארצייט

מפעל להתאחד בחורי אנ"ש

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיהדה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## הרה"ק רבי שלמה מקארלין זי"ע

**דעם קומענדיגן פרייטאג פנחס, כ"ב תמוז הבעל"ט געפאלט אויס די יומא דהילולא קדישא פונעם הייליגן רבי שלמה'לע מקארלין, רבי שלמה ב"ר מאיר הלוי זי"ע.**

### ואלה מתולדותיו

דער הייליגער רבי שלמה'לע מ'קארלין זי"ע איז געבוירן אין יאר ת"ק, אין די שטאט טולטשין.

רבי שלמה'לע איז געווען באקאנט זייענדיג א עילוי, און א גרויסע חריף בעולם התורה. אזוי ארום איז רבי שלמה'לע געווארן א איידעם ביי א גביר פונעם שטאט קארלין.

אנקומענדיג קיין קארלין איז רבי שלמה'לע באלד צוגעצויגן און פארכאפט געווארן אינעם חבריא קדישא פון רבי אהרן הגדול מקארלין זי"ע, וועלכער האט אים געשיקט לערנען צום הייליגן מגיד הק' ממעזריטש זי"ע.

נאך די פטירה פונעם הייליגן רבי אהרן הגדול מ'קארלין, האבן די קארלינע חסידים אנגעהויבן שטארק בעטן ביי רבי שלמה'לע אז ער זאל איבערנעמען דאס רבנות שטעלע אין שטאט. רבי שלמה'לע האט דאס כסדר אפגעווארפן, אבער לסוף האט דאס רבי שלמה'לע אנגענומען, על פי פקודת דעם הייליגן זלאטשוב'ער מגיד זי"ע.

דער הייליגער רבי שלמה'לע קארלינער איז נסתלק געווארן אום כ"ב תמוז תקנ"ב, און איז געקומען למנוחת עולמים באוהל הק' אין שטאט לאדמיר.

ער האט מחבר געווען דעם ספר "שמע שלמה".

### בשפתי צדיקים תתברך

דער הייליגער בעל התניא זי"ע האט זיך אויסגעדריקט אויף רבי שלמה'לע: "ער איז א טפה העכער פון דער וועלט"... (עיין הסיפור לקמן)

*

דער הייליגער רבי ר' ברוך מ'מעזיבוז זי"ע איז געווען א מחותן מיטן הייליגן רבי שלמה'לע. נאכן פטירה פון רבי שלמה'לע, האט רבי ר' ברוכ'ל געזאגט: "מיר האבן נישט געוואוסט ווי גרויס דער איז געווען, מיר האבן אים נישט געקענט, ווען מיר וואלטן ווען דאס געוואוסט וואלטן מיר מורא געהאט זיך צו משדך זיין מיט אים...

*

זיין תלמיד דער הייליגער רבי מרדכי מ'לעכאוויטש זי"ע האט אמאל גערעדט איבער רבי שלמה'לע קארלינער, זאגענדיג אז ער איז מעיד אויף אים אז ער האט געקענט די שפראך פון די באשעפעניש, און די שפראך פון די מלאכי השרת. און אלע שפראכן וואס זענען אויסגערעכנט אין מס' סוכה דף כ"ב אויף רבי יוחנן בן זכאי.

### ביים הייליגן מעזריטשער מגיד זי"ע

בעפאר רבי אהרן הגדול האט אים געשיקט צום מעזריטש'ער מגיד, האט רבי אהרן הגדול אים געזאגט: "איך האב ביי מיר א אינגערמאן (מיינענדיג רבי שלמה'לע מקארלין) וואס ווען ער זאגט יום כיפור ביינאכט דעם פסוק "ה' אדונינו מה אדיר שמך בכל הארץ", איז ער דאן מעלה אלע ניצוצות פון גאנץ פולין, ליטא און רוסלאנד".

אמאל ווען רבי שלמה'לע איז אנגעקומען צום הייליגן מעזריטש'ער מגיד זי"ע, האט זיך דער מגיד אנגערופן: "באו ונצא לקראת משיח בן יוסף".

### מיין מסירות נפש קען פארווירקליכט ווערן ביז מארגן

דאס עבודת התפילה פון רבי שלמה'לע איז געווען עד להפליא, עס איז צוגעגאנגען מיט א זעלטענעם מתיקות והשתפכות הנפש, און מיט ריכטיגע מסירות נפש.



# לוח היארצייטן

יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### זכר צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| כ"ב תמוז | הרה"ק רבי שלמה בן רבי מאיר הלוי זי"ע הי"ד - מ'קארלין - שמע שלמה | תקנ"ב |

### זכר חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| כ"א תמוז | הרב החסיד ר' מאיר משה בן ר' אליהו ע"ה שפיטצער | תש"מ | ביה"ח בקרית יואל |

עס האט אמאל פאסירט אז איינער האט אמאל געבעטן פון רבי שלמה'לע אז ער זאל קומען צום אים "צומארגנס", האט זיך רבי שלמה'לע אנגערופן מיט א פלאם פייער: "דו שוטה, איך דארף נאך היינט דאווענען צום באשעפער מעריב, ליינען קריאת שמע של המטה קבלת עול מלכות שמים – מיט ריכטיג מסירות נפש, צומארגענס דארף מען גיין דאווענען שחרית, דאווענען די סדר התפלה לויטן סדר פון אלע עולמות, ביז מען גרייכט צו קריאת שמע, וועלכע איז ווידער מסירות נפש, דאן גייט מען אריין אין שמונה עשרה און נפילת אפים, איז קען דאך זיין אז דער באשעפער וועט מיר געבן די זכי' און מיר ערפילן מיין בקשה אז מיין מסירות נפש וועט פארווירקליכט ווערן... איז ווי קענט איר מיר בעטן אז איך זאל אייך זאגן אז איך וועל קומען צו אייך מארגן? ?!!"

## איך קלער שטענדיג אריין אין דיר

רביה"ק זי"ע דערציילט אין עבו"ע, אז אמאל איז רבי שלמה'לע געווען אין די אומגעגענט פונעם הייליגן בעל התניא זי"ע. האט דער בעל התניא געשיקט זיינע חסידים זאלן גיין פראוועגען דעם שבת ביים הייליגן רבי שלמה'לע מ'קארלין זי"ע. במשך די שבת האט רבי שלמה'לע נישט געזאגט קיין דברי תורה, אבער ביי שלש סעודות, נאכן זאגן דעם קאפיטל תהלים פ"ז מזמור שיר וגו, האט רבי שלמה'לע אויסגעפירט דעם קאפיטל טייטשענדיג די ווערטער "כל מעייני בך – איך קלער שטענדיג אריין אין דיר".

די חסידים פונעם הייליגן בעל התניא האבן דערהערט די הייליגע ווערטער ארויסקומענדיג מפה קדשו, האט דאס זיי דערהויבן גאר הויך, און דערפון האבן די חסידים געהאט דריי טאג התפשטות הגשמיות, פון אט די הייליגע פארכטיגע רייד.

צוריקקומענדיג צום הייליגן בעל התניא האבן די חסידים דאס איבער דערציילט, האט זיך דער בעל התניא אנגערופן: "ווער קען זיך דען מדמה זיין צום הייליגן רבי שלמה'לע קארלינער? דער איז דאך א טפה העכער פון די גאנצע ערד, פון די גאנצע וועלט!

## באזאלצן דאס פארזאלצענע פיש

אמאל איז רבי שלמה'לע איינגעשטאנען ביים הייליגן בעל התניא זי"ע אויף שבת. די הכנות אויף שבת קודש מיט די ערשיינונג פונעם גרויסן און הייליגן גאסט איז אנגעגאנגען אויפן העכסטן פארנעם, אזש דער בעל התניא האט געוואלט ארויסהעלפן מיט די הכנות, איז ער אריין אין קיך, און געגאסן אביסל זאלץ צום גרויסן פיש טאפ, און דערמיט האט דער בעל התניא געטאן לכ' שבת.

ווען די חסידים האבן געזעהן אז דער רבי, דער בעל התניא גיסט צו זאלץ צום פיש, האבן זיי פארשטאנען אז עס איז דא דערינען א טיפע סוד, זענען די חסידים אריין אין קיך, און יעדער פון זיי האט צוגעגאסן צום פיש אביסעלע זאלץ.

שבת ביי די סעודה ביים סערווירן די פיש, איז ווי פארשטענדליך די פיש נישט געווען ראוי לעלות על שולחן מלכים, אבער רבי שלמה'לע האט דערפון געגעסן און די מינדעסטע השגה אז עפעס טויג נישט מיט די פיש. ווען רבי שלמה'לע האט זיך אומגעקוקט און געזעהן ווי דער עולם עסט נישט די פיש, האט ער פארשטאנען אז מן הסתם איז עס נישט גוט אין טעם, און עס פעלט דערפון זאלץ, האט ער גענומען זאלץ און דאס צוגעגאסן אינעם פיש אריין...

דער בעל התניא האט דערויף געזאגט: "איך האב געוואוסט אז דער צדיק איז אויסגעטוהן פון תאווה, אבער אויף אזוי ווייט האב איך זיך נישט גערעכנט..."

## היומא דהילולא הוא בבחינת יום טוב

רביה"ק זי"ע ברענגט אין עבו"ע אז רבי אשר מ'סטולין זי"ע, א תלמיד מובהק פון רבי שלמה'לע, האט געזאגט אז דער יומא דהילולא פון רבי שלמה'לע איז ווי א ריכטיגער יום טוב, און דאס ווערט נישט גערעכנט ווי פון די דריי וואכן, אזוי ווי ל"ג בעומר ווערט נישט פארעכנט ווי די ימי הספירה.

רבי אשר'ל האט מסביר געווען זיינע דיבורים, זאגענדיג, אז באמת איז טאקע דא איין טאג מער ווי דריי וואכן, ווייל פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב איז פאראהאנען צוויי און צוואנציג טאג, אלא מאי, דעם טאג פון כ"ב תמוז דארף מען אראפנעמען צוליב איר גרויסקייט און דערהויבענקייט

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**



# במקהלות

נייעס, באריכטן און אנטוויקלונגען, אינערהאלב

**קהילותינו ומוסדותינו הקדושים**

צווישן מקהלת אנשי שלומינו ברחבי תבל

תלמוד תורה בית יודא ד'טאהש:

## ילדי תשב"ר פועל'ן ישועות ערב ר"ח תמוז ביים ציון הק'

פאראנגענעם מיטוואך קרח - ערב ראש חודש תמוז העעל"ט, גלייך נאכן צוריק קומען פונעם געהויבענעם מסע הקודש קיין טאהש אונגארן, איז כ"ק מרן רבינו שליט"א ארויף צום ציון הק' פון רבינו הקדוש זי"ע ביום המסוגל ערב ראש חודש תמוז, אינאיינעם מיט די ילדי תלמוד תורה פונעם מפעל "פועל ישועות", ווי רבינו שליט"א האט זיך צוגעקוקט מיט הנאה ווי די קינדערלעך זאגן אזוי ערליך תהלים, און האבן אינזין די צענדליגע נדבנים וועלכע געבן זיך אוועק פארן תלמוד תורה, און געבן זייער ווארימע נדבה מדי חודש בחדשו. רבינו שליט"א האט געזאגט תהלים אינאיינעם מיט די ילדי תשב"ר, און מען האט זיכער גע'פועל'ט אלעס גוטס.

כאפט אייך מיט קומענדיגן ערב ראש חודש אב, און זייט פון די צענדליגע וואס האבן שוין געזעהן אפענע ישועות! רופט שוין אריין און אפיס 845-402-8674

תלמוד תורה עטרת משולם פייש מאנסי:

## רייע מסיבות קומען פאר לטובת מוסדותינו הק' מאנסי

פאראנגענעם דאנערשטאג שלח איז פארגעקומען די ערשטע מסיבה פון א רייע מסיבות בבתי אנ"ש תושבי מאנסי, לטובת התלמוד תורה עבודת משולם פייש אין שטאט.

עס איז פארגעקומען בבית מוה"ר אלימלך זילבער הי"ו, מיט די השתתפות פון אריבער 40 אנשי שלומינו, וועלכע האבן זיך אנגערופן מיט ווארימע סכומים הגונים לטובת התלמוד תורה.

במשך די מסיבה האט אויפגעטרעטן מיט פאסיגע ווערטער הרה"צ רבי חיים יחיאל אלתר סג"ל שליט"א, בן כ"ק מרן רבינו שליט"א, וועלכע שטייט ביד ימין להצלחת התלמוד תורה, און גאר שיין ארויסגעברענגט ווי מען זעהט די גוואלדיגע הצלחה ב"ה אינערהאלב די מוסדות, און ווי נישט לאנג ארום וועט יעדער איינער הנאה האבן דערפון, בס"ד.

דערנאך האט אויפגעטרעטן האברך החשוב מו"ה שלמה גרינבוים הי"ו מנכ"ל התלמוד תורה, און אראפגעלייגט וויאזוי די מוסד פינקציאנירט ביז יעצט, און וואס די פלענער זענען אויף ווייטער בס"ד.

דאנערשטאג חקת איז פארגעקומען די צווייטע מסיבה, ספעציעל פאר אלע חשוב'ע הורי מוסדותינו הק', אין שטוב פון מוה"ר ישראל יעקב הכהן לאנדאוי הי"ו. אויפן אויבן אן האבן זיך אנגעזעהן הרה"צ רבי חיים יחיאל אלתר סג"ל שליט"א, און אלע חשוב'ע מלמדים און איינגעשטעלטע. צום ערשט האט מו"ה שלמה גרינבוים הי"ו אויפגעטרעטן און איבערגעגעבן פון אינעווייניג וויאזוי די מוסדות גייט אן בכוחו של אותו זקן רביה"ק זי"ע, ווי מען זעהט די סייעתא דשמיא אויף יעדע טריט און שריט.

דערנאך האט מען געהערט א אינהאלטסרייכע דרשה פון הרב יעקב מענדלאוויטש שליט"א ראש המוסדות אין מאנטיסעלאו, וועלכע האט מיט זיינע פערל'דיגע ווערטער אראפגעלייגט וויאזוי א מוסד ווערט געבויעט, און די נחשונים זענען טאקע די עלטערן פון די מוסד, וואס די זכותים לעד ולנצח בלייבט אויף זייער קאנטע.

אלע משתתפים האבן גאר שטארק הנאה געהאט און זיך אנגערופן מיט ווארימע סכומים, און ערהאלטן הערליכע מתנות.

די עסקנים ארבעטן העפטיג אויף די קומענדיגע מסיבות.

ישיבה קטנה אור החיים:

## דערהויבענע שבת התועדות כהכנה צום יודהל"ק כ"ח סיון

פאראנגענעם שבת קודש פר' שלח העעל"ט האבן תלמידי ישיבתינו הק' ישיבה קטנה אין קריתינו הק', געפראוועט אויף די קאנאדישע בערג, א ספעציעל דערהויבענעם שבת הכנה צום מסע הקודש, והכנה צום יומדהל"ק פון רבינו השרף זי"ע.

מיטוואך פרשת שלח פארמיטאג האבן זיך די תלמידי הישיבה ארויסגעלאזט פון קריתינו הק' קיין אפנארט קאנאדא. גלייך ביים אנקומען האט מען אנגעהויבן די חזרה אויף פרק נערה המאורסה, וואס מען לערנט ביי שיעור עיון. שפעטער אויפדערנאכט איז פארגעקומען א דרשה פון הרה"ג ר' ידידי' בלוי שליט"א פון מאנטריאל, ווי ער האט ארויסגעברענגט שטארקע נקודות אין עבודת השי"ת, און מען דארף לעבן מיט'ן אייבערשטן אין אלע מצבים.

דאנערשטאג פארמיטאג איז פארגעקומען א דרשה פונעם בעל מכשיר הרה"ג ר' חיים זאב הערשקאוויטש שליט"א פון מאנטריאל, וואס האט געשילדערט אינטערסאנטע שאלות וואס ס'מאכט זיך ביי תרנגולים און ביי אתרוגים, באגלייגט מיט בילדער.

שפעטער זיך גרייטנדיג צום שב"ק איז פארגעקומען א פאנעל מיט הרה"ג ר' חננאל שאראא שליט"א, וואס האט פארציילט ווי אזוי ס'האט

אויסגעזען א שבת ביי יהדות תימן, אזוי אויך האט ער געזינגען עטליכע פארצייטישע תימנ'ע ניגונים.

שפעטער זענען פארגעקומען דערהויבענע חבורות ליל ששי פאר יעדע כיתה עקסטער מיט די מגידי שיעורים, און תלמידי שיעור ג' מיט הרה"ג ר' שמעון עזריאל לעווי שליט"א.

פרייטאג פארמיטאג איז פארגעקומען די חבורת "טעמו וראו" שעל ידי ישיבתינו הק' ווי מען לערנט ספרי חסידות, זיך גרייטנדיג צום שב"ק.

ארום א האלבע שעה פאר'ן זמן האט כ"ק מרן רבינו שליט"א משמיע געווען דברות קודש דורך א לייוו הוק אפ, ארויסברענגענדיג אז מען האלט שבת פארן הילולא קדישא, און די השפעות קומען שוין אראפ א שבת פאר דעם, זאל מען מאכן די ריכטיגע הכנות דורך אויסזאגן תהילים שבת אינדערפרי, און נישט רעדן כאטש א חלק שבת.

גלייך נאכ'ן דברות קודש איידער כניסת השבת, זענען עטליכע בחורים ארומגעגאנגען צוזאמנעמען די קבלות, און רוב ישיבה האט זיך אונטערגענומען נישט צו רעדן א חלק שבת, און א חלק בחורים נישט צו רעדן גאנץ שבת.

איידער קבלת שבת האט הרה"ג דער מנהל שליט"א אויפגעטרעטן און ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון שבת, און די וואך גייט מען זוכה זיין פוקד צו זיין מקומות הקדושים, מען זאל אויסנוצן די שבת ווי עס דארף צו זיין.

שבת נאכמיטאג האט אויפגעטרעטן הרה"ג ר' שלום לעפקאוויטש שליט"א ר"מ בישיבה, מיט עובדות וסיפורים פונעם הייליגן שרף דער בעל ההילולא זי"ע.

בשעת רעוא דרעוין האט דער מנהל שליט"א ארומגערעדט אז מען דארף מיטנעמען די אור פון שבת אויף א גאנצע וואך.

גלייך נאך הבדלה האט מען געזאגט אינאיינעם די פיוטים כנהוג בחצרות קדשינו, און נאך מלוה מלכה האט מען זיך אהיימגעלאזט קיין קריתינו הקדושה. אנקומענדיג האט מען געדאווענט שחרית כוותיקין אינאיינעם מיט די מנהל ומגידי שיעורים שליט"א און מען איז זיך געגאנגען אנשעפן מיט פרישע כוחות פאר די געהויבענע נסיעה, ווי מען האט גע'פועל'ט אלעס גוטס בראשות מלכנו ומדריכנו כ"ק מרן רבינו שליט"א.

ישיבה קטנה תפארת משולם פייש - ניו יארק:

# התרגשות'דיגע סיום סימן ש"ח הלכות מוקצה געפראוועט דורך תלמידי שיעור ב'

פארגאנגענעם דינסטאג פר' חקת העעל"ט איז געפראוועט געווארן א אינהאלטספולע מסיבת לחיים לכבוד די סיום אויף סימן ש"ח הלכות מוקצה, וואס איז געלערנט געווארן אין שיעור ב' דורכן חשוב'ן ר"מ הרב הגאון רבי חיים הערש מייזעלס שליט"א.

דער חשובער ר"מ האט אויפגעטרעטן און שיין ארויסגעברענגט די געוואלדיגע התרגשות און זכי' פון די גאנצע כיתה וועלכע האבן זוכה געווען צו לערנען, חזר'ן און מסיים זיין אזא וויכטיגע מקצוע און גרויסע סימן מיט 50 סעיפים אין הלכות שבת, ובפרט ווען דאס איז געלערנט געווארן מיט א התמדה און א קלארקייט, און מ'האט פעסט דורכגעלערנט דעם סימן מיטן טור, בית יוסף, דרכי משה, מחבר, רמ"א, מ"א, ט"ז, שו"ע הרב, און נאך נושאי כלים.

מ'האט געזינגען פאסיגע ניגונים, און זיך ארויסגעלאזט בריקודין ושמחה לכבודה של תורה. און עס זענען פארגעקומען ווערטפולע גורלות.

מ'גייט יעצט צוענדיגן בעז"ה די סימנים ש"ט-ש"י-שי"א, און דערנאך וועט פארקומען א גרויסע חזרה כוללת און דערנאך א פאראהער אויף גאנץ הלכות מוקצה.

כל השונה הלכות בכל יום

# סעודת הילולא ביודהל"ק פון רבינו השרף זי"ע

פארגאנגענעם דינסטאג קרח ביומא דהילולא פון רבינו השרף זי"ע איז פארגעקומען א שיינע סעודת הילולא בהיכל הישיבה, וואו עס האבן אויפגעטרעטן במשנתו ועבודתו של בעל הילולא זי"ע, דער ר"מ הרב הגאון רבי אברהם שמשון הורוויץ שליט"א, אדמו"ר מבאניא-נדבורנא שליט"א און דער משגיח שליט"א.

קה זכות אבות יגן עלינו.

בית מדרשינו קרית יואל:

# שטארקע פארשריט זעהט זיך אן אין די בוי ארבעט בבית מדרשינו

גאר שטארקע פארשריטן זעהן זיך אן אויף די בוי ארבעט צו פארגרעסערן און פארבעסערן בית מדרשינו קרית יואל אויף די לענג און אויף די ברייט, ווען מען האט שוין אצינד אויפגעבויעט די עזרת נשים גאלערי שטאק, און מען גרייט זיך אין די נאנטע טעג ארויפצולייגן די נייע פענסטער'ס ביי אלע דריי זייטן פונעם היכל הגדול והמפואר לתורה ולתפלה, היכל בית מדרשינו בקרית יואל.

דאס קומט ב"ה נאך די סקוסעספולע מסיבות וועלכע זענען פארגעקומען אין שטוב פון מוה"ר יצחק שמואל פויגעל הי"ו משמש נאמן דבית מדרשינו, און אין שטוב פון מוה"ר שמחה מאירוביץ הי"ו גבאי כוללינו, ווי אנשי שלומינו האבן זיך אנגערופן מיט ווארימע הערצער, און מנדב געווען סכומים הגונים לכה"פ $5,000 זכות אבן יסוד, און דערמיט געגעבן די נויטיגע שטופ צו גיין ווייטער מיט די הייליגע ארבעט.

במשך די מעמדים האט מען געהערט פערל רייד פונעם יושב ראש מוה"ר מאיר מרדכי בערקאוויטש הי"ו, וועלכע האט גאר שיין ארויסגעברענגט די וויכטיגקייט פון האבן א געשמאקע פלאץ צום לערנען און דאווענען, און די וויכטיגקייט פון זיך האלטן בחברותא אין א הייליגע ווינקל, וואס דאס שטעלט אוועק א מענטש זיך צו האלטן טראץ די שווערע נסיונות אין די היינטיגע וועלט, און נאר אזוי קען מען זיך האלטן אין גלות.

דערנאך האט מען געהערט ווארימע ווערטער פון הרב הגאון דומ"ץ דקהלתינו הק' קרית יואל שליט"א, וואס האט ארויסגעברענגט אז טאקע אונז חשוב'ע יונגעלייט, מיר אלע בויען די ביהמ"ד, ס'איז טאקע דא א קרן הבנין, אבער די אמת'ע בויער'ס זענען די חשוב'ע אברכים ובעלי בתים, וועלכע זענען זיך קובע אין ביהמ"ד צום לערנען און דאווענען, און מאכן די ערליכע אטמאספערע אין ביהמ"ד, וויאזוי רביה"ק זי"ע פלעגט צו פאדערן, אז זיינע תלמידים זאלן זיך ווייטער האלטן אין זיין וועג וואס ער האט אונז געלערנט.

דערנאך האט מען געהערט די פלענער פונעם יו"ר קרן הבנין הרב יוסף חיים סג"ל קרויס שליט"א, וואס האט אראפגעלייגט אלע פונקטליכע דעטאלן און פרטים, און די זכותים וואס זענען נאך פארבליבן זיך איינצוהאנדלען אין די מקום קדוש.

צום שליס האט מען געהערט דברי ברכה דברי אלקים חיים פון כ"ק מרן רבינו שליט"א, דורכן טעלעפאון, וואס האט ברגשי לבבו ארויסגעברענגט די געוואלדיגע ברכות וואס רביה"ק זי"ע וועט באגיסן מגנזי מרומים, פאר אלע וועלכע שטרענגען זיך אן צו נעמען א חלק, דערציילנדיג די ברכות וואס רביה"ק האט אנגעוואונטשן בשעת'ן ארויסברענגען זיין רצון קדשו צו עפענען די ביהמ"ד בשנת תשס"א, און איז אודאי ווייטער משפיע אלעס גוטס, אויספירענדיג מיט ווארימע ברכות פאר אלע באטייליגטע.

די רעזולטאטן האבן טאקע נישט געשפעטיגט, און אנשי שלומינו האבן אונטערגעשריבן די שטרות זיך איינקויפנדיג זכותים נצחיים אינעם הייליגן בנין לעד ולנצח, און אויך ערהאלטן א הערליכע מזכרת.

בורא עולם בקנין השלם זה הבנין

# בצל הקודש

מהנעשה והנשמע בביתו נאוה קודש
של כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

בלק - תשפ"ה לפ"ק

## שבת קודש פר' קרח

שב"ק האט רבינו שליט"א געפראוועט אויף א פריוואטן פארנעם צווישן די בערג אין קאנטרי, ווי דער רבי האלט זיך אויף במשך די וואכן.

## זונטאג פר' חקת

יעדן טאג זענען ארויסגעקומען צום רבי'ן צו דאווענען מנחה ומעריב א אנדערע מנין תלמידי ישיבתינו הק'.

## מאנטאג פר' חקת

נאך מעריב האט דער רבי געמאכט קידוש לבנה בחצר ביתו נאוה קודש אין קאנטרי.

## מיטוואך פר' חקת

אינדערפרי איז פארגעקומען די אפשערן פון בן מו"ה איתמר פעלבערבוים הי"ו, בחדר הפרטי בביתו נאוה קודש אין קריתינו הק'. דער רבי האט אפגעשוירן די האר אנגעטון קאפל און ציצית און געבענטשט די קינד, געמאכט א לחיים און ווארעם אנגעוואונטשן די עלטערן און זיידע'ס ובני משפחה ברכות לרוב.

## דאנערשטאג פר' חקת

פארנאכטס איז פארגעקומען די תנאים פון החתן יעקב אלימלך קליין נ"ו משב"ק, בן מוה"ר יקותיאל צבי הי"ו עב"ג בת מוה"ר דוד וויינגארטן הי"ו, בחדר הפרטי בביתו נאוה קודש אין קריתינו הק'.

דער רבי האט געליינט תנאים, דערנאך געטרינקען און געוואונטשן לחיים, געטיילט שיריים פון די לקח, און אנגעוואונטשן ברכת קדשו פארן חתן און מחותנים ובני משפחה.

## עש"ק פר' חקת

אינדערפרי איז פארגעקומען די אפשערן פון בן מו"ה יוסף דוד סג"ל קרויס הי"ו, און פון די צווילינג קינדער פון הרב משולם פייש כהנא שליט"א נכד רביה"ק זי"ע, בחדר הפרטי בביתו נאוה קודש אין קריתינו הק'. דער רבי האט אפגעשוירן די האר אנגעטון קאפל און ציצית און געבענטשט די קינדער, געמאכט א לחיים און ווארעם אנגעוואונטשן די עלטערן און זיידע'ס ובני המשפחות ברכות לרוב.

נאכמיטאג האט דער רבי אנגעטון די שטריימל פאר החתן דוד פרושינובסקי נ"ו תלמיד ישיבתינו הק', בן מוה"ר אהרן הי"ו, בחדר הפרטי, דערנאך געבענטשט די חתן און אנגעוואונטשן די חתן און מחותנים ברכות לרוב.

## שבת קודש פר' חקת

שב"ק האט דער רבי געפראוועט אויף א פריוואטן פארנעם צווישן די בערג אין קאנטרי, וואו דער רבי האלט זיך אויף במשך די וואכן.

## מאנטאג פר' בלק

פארנאכטס האט זיך דער רבי געוואשן צום סעודה הילולא קדישא פונעם הייליגן עטרת צבי מ'זידיטשוב זי"ע, בביתו נאוה קודש אין קריתינו הק', מיט א ענגע צאל משתתפים, צווישן זיי גיסיו הגדולים כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, בני וחתני רבינו שליט"א, ונכדי בעל ההילולא זי"ע.

דער רבי האט געציינדן ליכט און זיך געוואשן צום סעודה, און מכבד געווען אויפצוטרעטן מיט סיפורים ועובדות כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, כ"ק אדמו"ר מ'ספינקא שליט"א, הרה"ג ר' איסר נפתלי מערמעלשטיין שליט"א

הרה"ח ר' יצחק יודא לייבוש מערמעלשטיין שליט"א איז מכובד געווארן פארצוזינגען א זידיטשוב'ע ניגון, און נאך פאסיגע ניגונים. מוה"ר אהרן מיכאל גבריאל סג"ל קרויס הי"ו מנאמני בית רבינו שליט"א האט מסיים געווען מסכת סנהדרין.

ברהמ"ז על הכוס האט דער רבי' מכבד געווען כ"ק אדמו"ר מ'האדאס שליט"א, שיר המעלות הב' אליעזר פיש ני"ו נכד רביה"ק זי"ע.

דערנאך האט מען געדאווענט תפילת מעריב, דער רבי האט געדאווענט פארן עמוד לרגל די יארצייט פון ש"ב הרב ר' יעקב צבי ב"ר משה שמואל דוד וויינגארטן ז"ל, א נעפיו פון רביה"ק זי"ע. נאך מעריב איז דער רבי' ארויס צום בית החיים און מתפלל געווען ביים ציון הקדוש פון רביה"ק זי"ע, און דערנאך ביים קבר פון הרב ר' יעקב צבי ז"ל, ווי דער רבי' האט געצינדן ליכט און מתפלל געווען

## דינסטאג פר' בלק

אינדערפרי האט דער רבי' געדאווענט שחרית פארן עמוד.

דערנאך איז פארגעקומען די אפשערן'ס פון בן מו"ה חנני' יו"ט ליפא גוטמאן הי"ו און פון בן מו"ה יוסף פריעדמאן הי"ו פון קרית יואל, בחדר הפרטי' בביתו נאוה קודש אין קריתינו הק'. דער רבי' האט אפגעשוירן די האר אנגעטון קאפל און ציצית און געבענטשט די קינדער, געמאכט א לחיים און ווארעם אנגעוואונטשן די עלטערן און זיידע'ס ובני המשפחות ברכות לרוב.






בס"ד

חברה קנין ספרים
אוצר שלמה פרידמאן
שע"י
בית המדרש התאחדות אברכים ד'טאהש
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

# ברכת מזל טוב

כוס של ברכה בזה נשלחה, באותות של שמחה והערצה, אל מעלת כבוד האי גברא רבה ויקירא, אוצר כלי חמדה, איש האשכולות בתורה ובמעשים מרובים, זך הרעיון במיטב הגיון, אוצר התורה והחכמה, אהוב על כל יודעיו ומכיריו, שבחו מי ימלל, אין גומרין עליו את ההלל, בתורת ה' תמימה הוגה באמת ובתמים, כתר תורה לו נאה, וכתר שם טוב על גביו עולה, מצא חן בעיני אלקים ואדם, כולם מודים ומשבחים לעומתו ומהללים לכבוד תורתו, ה"ה

**איש האשכולות, רב תבונות בפנים מסבירה, איש חי ורב פעלים, פה מפיק מרגליות, פאר מקודשים, מגזע אראלים ותרשישים**

הרב הגאון
## יואל ראזענבערגער
שליט"א
**אב"ד אמסנא**
וחתן כ"ק אדמו"ר מספינקא שליט"א, חדב"ן רביה"ק זי"ע

לרגל שהשמחה במעונו, חדוה ודיצה בארמונו
## באירוסי בנו למזל טוב
החתן תמים למעלות רמות, הרב **מנחם שלמה** נ"י
עב"ג בת ת"ח, הרה"ג המפואר, זית רענן יפה פרי תואר
רבי **נחמן וואגשאהל** שליט"א

**ובדאי זמנא דחדוותא, נגיד שבח תוקף תהלתו, לעמוד לנו לעזר ולסעד בכל צעד ושעל למען חברה קנין ספרים, הוא הגבר העומד על הפקודים, ובטוב לבו עומד ומסייע בעצה ובתושיה ובכל מיני אופנים, אשרי לו ואשרי חלקו, שכרו הרבה מאד על פי פעלו!**

ברכותינו המאליפות אל כבוד מעלת תורתו הרמה שיהא רעווא מן קדם אבוהון די בשמיא שיזכה לרוות רב תענוג ונחת דקדושה מכל יוצאי חלציו ויבנו את ביתם על אדני התורה והיראה לתפארת בית אבותם, ויזכה לראות בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות ויזכה לשבת בבית ה' כל ימי חייו לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו, אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד, ולהרבות פעלים רבים לתורה ולתעודה כאוות נפשו, מתוך נחת והרחבת הדעת, עדי נזכה לקבל פני משיח צדקנו, ומלכינו בראשינו, במהרה בימינו, אמן.

המברכים בשמחה רבה
**הנהלת חק"ס**
**בשם כל הקהל הקודש**

---

יומא דהילולא קדישא
- של מרן רבינו הקדוש זיעועכי"י -
פק"ק קרית טאהש יע"א
- ז"ך אב תשפ"ה -
פועל'ט אויס אלעס גוטס

בס"ד

# מודעה נחוצה

לקראת יומא דהילולא קדישא הבעל"ט
הננו בזה להודיע אשר
**מוסדות התורה ומפעלי החסד**
החפצים להעמיד
**אוהל צדקה על שטח בית החיים**
יתקשרו אל
מוה"ר **יצחק נחום האמבורגער** הי"ו, משב"ק
**514-651-4174**
כדי שנוכל לסדר הכל עצהיו"ט
**וכל הקודם זוכה**
בברכת פועל'ט אלעס גוטס



---

מזון הנפש
דקהל אור החיים ד'טאהש
זכרון יהושע שלום
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## סדר הלימודים
במסגרת החבורה שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת פנחס =

| | ז' עמודים - מסכת עבודה זרה | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק בלק | ל: | כז. | חזרה | חזרה |
| זונטאג<br>שבעה עשר בתמוז | לא. | כז: | חזרה | חזרה |
| מאנטאג | לא: | כח. | פז. | פג: |
| דינסטאג | לב. | כח: | פז: | פד. |
| מיטוואך | לב: | כט. | פח. | פד: |
| דאנערשטאג | לג. | כט: | פח: | פה. |
| עש"ק | לג: | ל. | חזרה | חזרה |

## בחינה הבאה ביום א' פרשת עקב
מס' עבו"ז: כד.-מא. | מס' בבא בתרא: פא.-צא:

---

# קול איחוד טאהש

קול בקודש מרביה"ק זי"ע • דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א
דרשות • שיעורים • חבורות • מעמדים • מאודעות • מודעות • שמחות • אינטערוויו'ס • ועוד

718.451.8674 | 514.500.8674 | 0.333.015.0715 | 079.704.0074

קלארע און הערליכע שיעורים
**בספר תהלים**
**בחבורת "לומדי תהלה"**
42 פון די מעין מעניו

קלארע און הערליכע שיעורים
**במסכת בבא בתרא** (ה' עמודים)
**ובמסכת מכות** (ז' עמודים)
**בחבורת "מזון הנפש"**
41 פון די מעין מעניו

---


יו"ל ע"י
**איחוד תלמידי וחסידי טאהש**
להערות והארות וכן לנדב גליון לשבוע נא לקרוא להמערכת

איחוד
תלמידי וחסידי טאהש

P. 718.451.8674
EXT. 8
F. 877 760-0544
11 Van Buren Dr. #305
Monroe N.Y. 10950


**די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן מודעות און מזל טוב'ס פארן גליון איז:**
**מיטוואך 12:00 מיטאג**